# מזכרת

משמחת נישואין

של

## מנחם מענדל וחי' מושקא שיחיו
## בעגון



כ"ף שבט, ה'תשע"ה
ברוקלין, ניו-יארק

# מזכרת

משמחת נישואין

של

## מנחם מענדל וחי' מושקא שיחיו
## בעגון

כ"ף שבט, ה'תשע"ה
ברוקלין, ניו-יארק

ב"ה.

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן התמים **מנחם מענדל**, והכלה המהוללה מרת **חי' מושקא** שיחיו.

התודה והברכה לכל קרובי המשפחה, ידידים ומכירים, שהואילו לבוא לשמוח אתנו ביום שמחת לבבנו, ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה לכבד את המשתתפים בשמחתנו - על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא זי"ע - בתשורה מיוחדת מה-LNS (Lubavitch News Service - כתבות לכלי התקשורת ע"ד ליובאַוויטש ופעולותי' בעריכת הרה"ת ר' חיים יהודא שי' קרינסקי באנגלית, ומזמן לזמן גם באידיש בעריכת הרה"ת ר' שלום דובער ע"ה גאָרדאָן). כתבות אלו הוגהו ע"י רבינו, ומדפיסים אנו שנים מהם: (א) יו"ד שבט תשכ"ד, (ב) פורים תשכ"ג, כשבתחילה באים עלי ההגהה (מוקטנים מעט מגודלם המקורי) ולאחריהם הוקלדו הכתבות הן באידיש והן בתרגום ללשון הקודש.

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך אתכם ואותנו, בתוך כלל אחינו בנ"י יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת בעגון** **משפחת ברוק**

כ"ף שבט, ה'תשע"ה

ברוקלין, נ.י.

ב"ה

דער יארצייט פון ליובאוויטשער רבין זצ"ל

אין אמעריקע איז א מנהג אז אלע קאנווענשאנס און קאנפערענצן פון פארטייען און ארגאניזאציעס ווערן גערופן אויף אן ענדע וואך, אדער א וויק-ענד ווי מען רופט עס, אין א רעזארט אדער אין א פרו-פלאץ. דארט קומט מען דער עיקר צופארן אויף אפרוען זיך, אדער האבן א גוט-טיים, און דערביי אויך האלט מען אפ די קאנווענשאן אדער קאנפערענץ. די וויכטיגסטע ענינים ווערן פארגעדרעהט ביי די מאלצייטן ווייל דאן איז מען ליבער מיט אן עולם, און דארט טרעטן ארויס די הויפט רעדנער. די אנדערע רעדנער מוזן זיך באנוגענען מיט א קליינע זאל צוהערער און איינציגע טרייסט איז וואס די לעזער פון די צייטונגען וואו די פארזאמלונגען ווערן באריכטעט, ווייסן שוין ניט וואס פאר א שווערן דפשוט מען האט געהאט ביים צוזאמענקלייבן א שטיקל עולם אויף אויסצוהערן זייערע רעדעס.

א גאנץ אנדער סארט וויקענד וועלן מיר דא באשרייבן. י' שבט דער יארצייט פון דעם פריערדיגן ליובאוויטשער רבין אדמו"ר ר' יוסף יצחק זצ"ל איז היינטיגס יאר אויסגעקומען פרייטאג. און טויזנטער חסידים איבער דער גאנצער וועלט האבן דעם גאנצן סוף וואך מקדיש געווען צו תורה, תפלה און התעוררות.

ארום סדר איסטערן פארקוויי די הויפט קווארטיר פון ליובאוויטש וואו דער היינטיגער ליובאוויטשער רבי שליט"א פירט

2

און מיט די חב״ד אקטיוויטעטן איבער דער גאנצער וועלט, האט מען
שוין פארשטאנען פרי גענוג צען ווי הונדערטער חסידים
קומען צו פארן פון פארשידענע לענדער און שטעט, מיט עראפלאנען
באנען און באסעס. ספעציעל האבן זיך אויסגעצייכנט די ~~גרויסע~~ טשארטער
טשארטער [ספעציעל געדונגענע] באסעס וואס זיינען געקומען פון מאנטרעאל און דעטראיט,
ברענגענדיג א גרויסע צאל ישיבה בחורים און יונגעלייט.
אלאנגזייט פאר מעריב איז שוין דער גרויסער בית המדרש
געווען געפאקט קאפ אויף קאפ, און הונדערטער חסידים האבן
מאנעווריט צו פארנעמען פאזיציעס פון וואנען זיי זאלן קענען
זען און הערן דעם רבין ווי ער דאווענט מעריב.
הערנדיג דעם שטילן פשוטדיגן קול פון רבין שליט״א
און קוקנדיג אויפן טויזנט קעפיגן עולם קומט איין געדאנק
א מסורה׳דיגע באשרייבונג אין די שיחות פון דעם בעל ההילולא
ווען א יארצייט פון דעם מעזריטשער מגיד און ווען דער אלטער
רבי מיט אנדערע תלמידים פון מגיד האבן אנטיילגענומען,
דער רבי שרייבט דארטן, ״אז יעדער פון די חסידים וואס זיינען
יעמאלט געווען אין שול איז געווען קלאר אז געווען זיצט
דער [דער מגיד] רבי ביי זיך אין היכל אין זאל און פראוועט זיין
הילולא. ער איז געווען געוויס אז דער ~~בעשט~~ [בעל שם טוב]
דער א״ר׳ הקדוש, ר׳ שמעון בן יוחאי, און אלע צדיקים, גאונים
אמוראים, תנאים, משה רבינו, דוד המלך מיט די אבות אברהם יצחק
און יעקב הערן די תורה וואס דער מגיד זאגט!״

3

נאך מעריב איז דער רבי שליט"א אריין צוריק אין זיין חדר,
און איינער א בחור האט זיך אוועקגעשטעלט אויף א טיש און האט
אנגעהויבן אויף אויסנווייניג חזרן דעם מאמר וואס דער בעל
ההילולא האט עטליכע טעג פאר זיין הסתלקות # ארויסגעגעבן
אז מען זאל לערנען אין טאג פון זיין הסתלקות. אין די ערשטע
עטליכע שורות האט ער איבערגעזאגט א מדרש, אז די שכינה
איז פון אנהויב געווען אויף דער ערד, נאר צוליב דורות מיט
רשעים האבן זיי ~~~~ דורך זייערע מעשים (בחטאם) פארטריבן פון דער ערד ביז אויבן
הימל. דאן זיינען געקומען זיבן דורות מיט צדיקים, פון אברהם
אבינו ~~ביז~~ וועלכע האבן די שכינה צוריקגעבראכט ווידער
מיט אין הימל ~~נידעריגער~~ נצענטער ביז משה רבנו וועלכער איז געווען
דער זיבעטער און האט געבראכט צו דעם אז דער אייבערשטער
זאל אראפקומען אויפן בארג סיני און געבן די תורה.
דער בחור וואס האט געחזרט דעם מאמר, האט זיך נישט לאנג צוריק
געקערט פון א רייזע ארום דעם גאנצן ערד קויל, וואו ער האט
באזוכט די פארשידענסטע קהלות אין ווייטן מזרח, און האט איהין
געבראכט דעם מיטצעם אז לית אתר פנוי מיני', נישטא
קיין פלאץ אויף דער וועלט וואו די שכינה זאל זיך נישט געפינען.
אויבן אין דעם קליינעם בית המדרש, זיינען געזעסן עלטערע חסידים
און האבן פארבראכט אין זכרונות פון לייטישע יארן אין דער מחיצה
(1) פון דעם בעל ההילולא. א געוואלדיגער חסיד האט דערציילט ווי דער בעל
ההילולא האט מיט פינף און ~~צוואנציג~~ צוואנציג יאר צוריק געזאגט דעם ערשטן
מאמר תורה, און ווי פאר א שמחה דאס האט ארויסגערופן בא זיין
פאטערס חסידים. אנדערע האבן דערציילט פון די מסירות נפש יארן אין רוסלאנד
פון דעם נס פון דעם רבינ'ס ראטעווען זיך פון דער דייטשער אקופאציע אין פוילן
במשך דעם צווייטן וועלט קריג און זיין הרבצת התורה ארבעט אין ...

(1) להוסיף דימוס, שהרי כפ"ב בעומר מאז פ"ת
והכבה שניים לפני תה"נ - ודאימ בדבר שנה ופ'

4

ביים קומען קיין אמעריקע. יענע בחורים לויב וועלכע האבן דעם רעגל
הילולא. אפילו נישט געקענט, האבן מיט א גרויס נייגער געשלונגען יעדער
ווארט ביי אונזערע טישן זייענדיג געזעסן פילע חסידים און תלמידים
און געלערנט אין משניות די פרקים וועלכע פאסען זיך אין
מיט די אותיות פון דעם רבינ'ס נאמען מ.פ.ה.

אויך מארגן אין דער פרי צו שחרית איז געקומען נאך א גרעסערער
עולם, און דער הויפט פראבלעם איז געווען ווי צו אנטאן דעם טלית און
תפלין אין אן איינגעשטאפטן וואו עס איז נישטא קיין פלאץ א ריר צו טאן
זיך. ביים דאווענען האט מען ווידער הויפט באמערקט דעם קאנטראסט
פון דעם גרויסן רעש בשעת דער גאנצער עולם דאווענט, מיט דער שטילקייט
וואס ווערט מיט אמאל, ווען דעם רבינ'ס קול הערט זיך.

נאכן דאווענען, האבן צענדליגער בוסעס און הונדערטער אויטאס
מאבילן געפירט דעם עולם צו דעם ציון אויף דער אלטער
מאנטעפיארע בית ~~הקברות~~ החיים וואו געפינט זיך אין ווייטן לאנג איילאנד.
א קורצע צייט שפעטער איז אנגעקומען דער רבי שליט"א צום
ציון און האט מיטגעבראכט מיט זיך די שווערע טשעמאדאנעס בריוו וואס
זיינען אנגעקומען פון איבער דער גאנצער וועלט, וועלכע האבן געבעטן
אז מען זאל זיי דערמאנען פארן רבין אין סאך פון זיין יארצייט.
דאס האט גענומען שטונדן לאנג, און האט צו ליכט בענטשן
איז דער רבי צוריקגעקומען און האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.
נאך א קורצער הפסקה האט מען מקבל שבת געווען ~~און געדאווענט~~
~~מעריב~~. נאך ~~מעריב~~ קבלת שבת האט דער רבי שליט"א געזאגט א מאמר
וועלכער איז דער פערצנטער אין א קייט פון מאמרים וואס זיינען
געבויט אויף דעם מאמר וואס דער פריערדיגער רבי האט ארויסגעגעבן
צו דעם טאג פון זיין הסתלקות. אין דעם מאמר האט דער
רבי ציטירט פון אלע רביים אנהויבנדיג פון בעל שם טוב.

5

און דורכגעווינדן אלע אכט דורות רבוים ביז צום שמונה דער
בעל ההילולא, ווי אויך פון אריז"ל זוהר גמרא און תניא.
דער שליסל געדאנק פון דעם מאמר איז געווען געבויט
אויפן פסוק אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך, אז פונקט אזוי
ווי א איד גלייבט און פילט אז דער אויבערשטער איז מיט אים, ווען ער
שטייגט הימלישע הויך, אזוי דארף א איד גלייך פילן און גלייבן אז דער
אויבערשטער איז מיט אים אויך אין מאמענטן פון לייד און אביסל פון
טייסטיגער נפילה.

נאכן מאמר זיינען מאסן חסידים און תלמידים געבליבן הערן
דעם מאמר שטונדן לאנג און ערשט שפעט אין דער נאכט זיינען זיי
א היימגעגאנגען מאכן קידוש און עסן סעודת שבת. אויך מארגן
אין דער פרי זיינען זיי געווען צוריק הערן ווי דער חוזר, איינער
חסיד מיט א פענאמענאלן זכרון, האט געחזרט דעם מאמר ווארט
ביי ווארט.

צו שחרית האט מען דעם רבין ווי אלעמאל אויפגערופן
צו מפטיר און דער גרויסער עולם האט מיט גרויס יראת הכבוד זיך
צוגעהערט צו ~~דבורה'ס שירה~~ דער הפטרה. קוקנדיג אויף דעם
טויזנטער קעפיגן עולם כן ירבו וועלכער איז זיך צוזאמענגעקומען
פון גאנץ וועלט און הערנדיג ווי דער רבי לייענט אין דבורה'ס שירה
אז עס איז געווען א צייט ווען חדלו ארחות, די ווען דעם משכן אין שילה
ישראל האבן פארלאזט, ביז דבורה איז געקומען און איז געווארן
א מאמע צום אידישן פאלק, ~~הא~~ איז געקומען אויפן געדאנק, אז אזא
זאך האט זיך אויך געזוכט נאכן חורבן פון צווייטע וועלט קריג, אז די וועגן
אויף וועלכע חסידים פלעגן פארן צו א רבין זיינען שוין א לאנג
פון דער פארגאנגענהייט, און אויך מען טוט טרעפן אלעמען פאחד איז
בא'ס נאר אויף ארחות עקלקלות, קרומע וועגן, וואלט מען געפינען נאך א ענגע
פיט מען אבער געזען אז שפעטער מיט מסירות נפש קענען צוריק אויפלעבן די אלטע
וועגן וועלכע פירן טויזנטער אידן צו תורה און מסירות נפש.

ט

נאכן ~~[struck]~~ דאווענען איז געווען א קידוש וואו דער רבי שליט"א האט
גערעדט פארשידענע שיחות און אויך א מאמר וואו ער האט ברייט ערקלערט
א משל אויף א קעניג וועלכער האט באהאלטענע אוצרות וואס ~~[struck]~~
די פריערדיגע קעניגע האבן אנגעזאמלט במשך דורות, וועלכע ליגן
פארבארגן און פארמאכט. און דאך ווען עס קומט א מלחמה
ערוועקט זיך ביי דעם קעניג זיין מדת הנצחון, און מען עפנט אויף די אלע
פארבארגענע אוצרות און מען טיילט צו פונאנדער צו די אפיצערן
אויף צו טיילן מיט דעם באוואפענען די פראסטע סאלדאטן אז זיי זאלן
קענען קעמפן און ברענגען דעם ענדגילטיגן נצחון. דער נמשל איז אז
די העכסטע געטליכע אוצרות וואס ליגן באהאלטן אין דער תורה (און אין די אידישע נשמה)
ווערט געעפנט און פארטיילט צו יעדער אידן וועלכער מאביליזירט זיך
אין דער געטליכער מלחמה, אויף צו פארטרייבן די כחות פון פינסטערניש
און צו ברענגען צו דעם ונגלה כבוד ה' אז אלע באשעפענישן
זאלן זעהן און זיין געטליכקייט. דער קידוש האט זיך געענדיגט
ארום א שטונדע פאר דער שקיעה און נאך מנחה האט זיך דער עולם
געאיילט צו מאכן קידוש און עסן סעודת שבת. גלייך נאך סעודת שבת
האט מען געדאווענט מעריב און נאך הבדלה האט זיך דער עולם
גענומען גרייטן צו דעם הויפט פארברענגען וועלכער איז
פארגעקומען מוצאי שבת. און צו וועלכן עס זיינען געקומען
נאך הונדערטער אידן, וועלכע האבן צוליב סיבות ניט געקענט זיין
דעם גאנצן שבת ביים רבין שליט"א.
הגם נאך אכט פינקטליך האט דער רבי שליט"א אנגעהויבן
דעם פארברענגען מיט א שמועס, אז אין א געוויסן זין איז ~~[struck]~~
א ~~[struck]~~ מלוה מלכה, וואו מען באגלייט ארויס די שבת קעניגין און די נשמה
יתירה, וואס געפינט זיך ביי יעדער אידן שבת, מיט א סעודה און מיט פרייליכע
~~[struck]~~ געזאנג. פון דער הילולא וואס מען פראוועט ביי דעם יארצייט פון א צדיק וואו
מען באגלייט דעם צדיק'ס צו זיין אריבערגיין אין א נאך העכערן עולם.
– די נשמה יתירה פון דעם דור –

ד

אבער פון דער אנדער זייט זייענען ניט גלייך, ווייל נאך דער מלוה מלכה.
גייט דאך אוועק די שבת קודש'דיגן און די נשמה יתירה אוועק, אבער
ביי דער ~~פרעלעך~~ נשמה פון ~~דעם~~ א צדיק בלייבט ער דאך אין צוהר אפילו
נאך דער הסתלקות געפינט זיך דער צדיק אויף דער וועלט
נאך מער ווי ביים לעבן.

און דעם פארבריינגען וואס האט אנגעהאלטן איבער זעקס
שעה האט דער רבי שליט"א צווישן אנדערע ענינים ארויסגעבראכט
די נייטיקייט וואס עקזיסטירט אין מצב פון כלל ישראל און די
פליכטן וואס דאס ליגט אויף אונז די אידן פון אמעריקאנער
קהלה'ס. אויך פאר דעם צווייטן וועלט קריג זייענען געווען
אידן אין אונזערע לענדער וועלכע האבן זיך אפגעגעבן מיט תורה און
עבודה, און אמעריקאנער אידן האבן זיך קאנצענטרירט אויף
צדקה און גמילות חסדים, איצט הייסט די ~~פליכט~~ א גרעסערע
לענדער עקזיסטירן ניט מער פליץ פון די ישיבות וועלכע האבן זיך אפגעגעבן
מיט תורה און עבודה און אויפן אמעריקאנער אידנטום ליגט
די פליכט צו אויפהאלטן צו דער זעלבער צייט אלע דריי
עמודים, דאס ~~הייסט~~ הייסט אליין לערנען תורה, אליין דאווענען
און צו דער זעלבער צייט אנהאלטן דעם עמוד פון צדקה
און גמילות חסדים אויף דער פריערדיקער שטאפל און נאך מערער און אלס ווייט
און אין אנדערע מדינות.
ממילא אויך ווערן אויף די אידן אין ארץ ישראל, וועלכע קוקן אין
א טאווען צו אויף דעם טראסטן און רייכן אמעריקאנער אידנטום
אז זיי זאלן זיך אויך שטארקן אויף דיזעלבע געביטן.

דער רבי שליט"א האט זיך אויך ביי דעם פארבריינגענס
שארף אויסגעדריקט קעגן דער וואקאנטשאפט פון לוקוס, וועלכע באלעשפייט
זיך זייער, ספעציעל צווישן די נייע עמיגראנטן.

8

ער איז ~~לעצט~~ שפעט ארויסגעקומען הינטן דעם פארהאנג צו טויזנטער

אידן [illegible] ~~[illegible]~~

~~[illegible]~~

טריט פאמעלעך צו א מזבח פון פארהאלציגן ליכט ארויבערן קאפ, די גויים, אויסגעגאן [illegible]

און בריינגען צו צום אלע די מענער און פאטערס פון די משפחות

צאלן נישט האבן קיין צייט און קיין טעגלעך אויף לערנען

און דאווענען, צוליב [illegible] טראכטן וועגן פארדינען די צדקה [illegible]

א. ש. וו.

מיט א ספעציעלער ברכה פאר די וואס הינטער דעם [illegible]

פארהאנג האט זיך דער [illegible] געענדיגט.

# דער יאָרצייט פון ליובאַוויטשער רבי'ן זצ"ל

[וועש"ק יו"ד שבט, וש"פ בשלח, י"א שבט, ה'תשכ"ד]

אין אַמעריקע איז אַ מאָדע אַז אַלע קאָנווענשאָנס און קאָנפערענצן פון פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס ווערן געראָפן אויף אַ ענדע וואָך, אָדער אַ וויק-ענד ווי מען רופט עס, אין אַ רעזאָרט אָדער אַן אָפּרו-פּלאַץ, דאָרט קומט מען דער עיקר צופאָרן אויף אָפּרוען זיך, אָדער האָבן אַ גוד-טיים, און דורך אגב האַלט מען אָפּ די קאָנווענשאָן אָדער קאָנפערענץ. די וויכטיגסטע ענינים ווערן פאָרגעבראַכט ביי די מאָלצייטן ווייל דאַן איז מען זיכער מיט אַן עולם, און דאָרט טרעטן אַרויס די הויפּט רעדנער. די אַנדערע רעדנער מוזן זיך באַנוגענען מיט אַ קליינע צאָל צוהערער און זייער איינציגע טרייסט איז וואָס די לעזער פון די צייטונגען וואו די פאַרזאַמלונגען ווערן באַריכטער, ווייסן נעבאַך ניט וואָס פאַר אַ שווערן דזשאָב מען האָט געהאַט ביים צוזאַמענקלייבן אַ שטיקל עולם אויף אויסצוהערן זייערע רעדעס.

אַ גאַנץ אַנדער סאָרט וויק-ענד ווילן מיר דאָ באַשרייבן. י' שבט, דער יאָרצייט פון דעם פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן אדמו"ר ר' יוסף יצחק זצ"ל איז הייאָר אויסגעקומען פרייטאָג. און טויזענטער חסידים איבער דער גאַנצער וועלט האָבן דעם גאַנצן סוף וואָך מקדיש געווען צו תורה, תפלה און התעוררות.

אַרום 770 איסטערן פּאַרקוויי די הויפּט קוואַטיר פון ליובאַוויטש וואו דער היינטיגער ליובאַוויטשער רבי שליט"א פירט אָן מיט די חב"ד אַקטיוויטעטן איבער דער גאַנצער וועלט, האָט מען שוין דאָנערשטאָג פרי געקענט זען ווי הונדערטער חסידים קומען צו פאָרן פון פאַרשידענע לענדער און שטעט, מיט עראָפּלאַנען באַנען און באָסעס, ספּעציעל האָבן זיך אָנגעזעען די געטשאַרטערטע ספּעציעל געדונגענע באָסעס וואָס זיינען געקומען פון מאָנטרעאַל און דיטראָיט, ברייגענדיג אַ גרויסע צאָל ישיבה בחורים און יוגענטליכע.

אַ לאַנגע צייט פאַר מעריב איז שוין דער גרויסער בית המדרש געווען געפּאַקאַט קאָפּ אויף קאָפּ, און הונדערטער חסידים האָבן מאַנעווורירט צו פאַרנעמען פּאָזיציעס פון וואַנען זיי זאָלן קענען זען און הערן דעם רבי'ן ווי ער דאַווענט מעריב.

הערנדיג דעם שטילן פשטות'דיגן קול פון רבי'ן שליט"א און קוקענדיג אויפן טויזנט קעפּיגן עולם קומט אויפן געדאַנק אַ מסורה'דיגע באַשרייבונג אין די שיחות פון דעם בעל ההילולא וועגן אַ יאָרצייט פון דעם מעזריטשער מגיד אין וועלכן דער אַלטער רבי מיט אַנדערע תלמידים פון מגיד האָבן אָנטיילגענומען. דער רבי שרייבט דאָרטן: "באַ יעדערן פון די חסידים וואָס זיינען יעמאָלט געווען אין שול איז געווען קלאָר אַז געוויס זיצט דער רבי, דער מגיד, באַ זיך אין היכל אין גן עדן און פּראַוועט זיין הייליגע הילולא. עס איז געווען געוויס אַז דער בעל שם טוב, דער אר"י הקדוש,

ר' שמעון בן יוחאי, און אַלע צדיקים, גאונים, אמוראים, תנאין, משה רבנו, דוד המלך מיט די אבות אברהם יצחק און יעקב הערן די תורה וואָס דער מגיד זאָגט".

נאָך מעריב איז דער רבי שליט"א אַריין צוריק אין זיין חדר, און אַ יונגער בחור האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טיש און האָט אָנגעהויבן, אויף אויסנווייניג, חזר'ן דער מאמר וואָס דער בעל ההילולא האָט עטליכע טעג פאַר זיין הסתלקות אַרויסגעגעבן אַז מען זאל לערנען אין טאָג פון זיין הסתלקות.

אין די ערשטע עטליכע שורות האָט ער איבערגעזאָגט אַ מדרש, אַז די שכינה איז פון אָנפאַנג געווען אויף דער ערד, נאָר זיבן דורות מיט רשעים, האָבן דורך זייערע מעשים, איר כביכול פאַרטריבן פון דער ערד ביז אויפן זיבעטן הימל. דאַן זיינען געקומען זיבן דורות מיט צדיקים, פון אברהם אבינו, וועלכע האָבן די שכינה צוריקגעבראַכט יעדערער מיט איין הימל נעענטער, ביז משה רבנו וועלכער איז געווען דער זיבעטער, האָט געבראַכט צו דעם אַז דער אויבערשטער זאָל אַראָפּקומען אויף דער ערד, אויפן באַרג סיני און געבן די תורה.

דער בחור וואָס האָט געחזר'ט דעם מאמר, האָט זיך ניט לאַנג צוריק געקערט פון אַ רייזע אַרום דעם גאַנצן ערד קוגל, וואו ער האָט באַזוכט די פאַרוואָרפענע קהלות אין וויטן מזרח, און האָט אַהין געבראַכט דעם מעסעדזש אַז לית אתר פנוי מיני', נישטאָ קיין פלאַץ אויף דער וועלט וואו די שכינה זאָל זיך ניט געפינען.

אויבן אים דעם קלענערן בית המדרש, זיינען געזעסן עלטערע חסידים און האָבן פאַרבראַכט אין זכרונות פון זייערע יאָרן אין דער מחיצה פון בעל ההילולא. אַ גאָר אַלטער חסיד האָט דערציילט ווי דער בעל ההילולא האָט מיט פינף און זעכציג יאָר צוריק[1] געזאָגט דעם ערשטן מאָל תורה, און וואָס פאַר אַ שמחה דאָס האָט אַרויסגערופן באַ זיין פאָטערס חסידים. אַנדערע האָבן דערציילט פון די מסירות נפש יאָרן אין רוסלאַנד, פון דעם נס פון דער רבי'נס ראַטעווען זיך פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילין במשך דעם צווייטן וועלט קריג, און זיין הרבצת התורה אַרבייט גלייך ביים קומען קיים אמעריקע.

יונגע בחורים וועלכע האָבן דעם בעל ההילולא אפילו נישט געקענט, האָבן מיט גרויס נייגיר געשלונגען יעדער וואָרט, ביי אַנדערע טישן זיינען געזעסן פילע חסידים און תלמידים און געלערנט אין משניות די פרקים וועלכע פאַנגען זיך אָן מיט די אותיות פון דעם רבי'נס נאָמען. א.ז.וו.

אויף מאָרגן אין דער פרי צו שחרית, איז געקומען נאָך אַגרעסערער עולם, און דער הויפּט פּראָבלעם איז געווען ווי צו אָנטאָן דעם טלית און תפלין אין אַן איינגשאַפּט וואו עס איז נישטאָ

1) להוסיף ביאור, שהרי **כו"כ** פעמים אמר ד"ת, והרבה שנים לפני תרנ"ט – ובמיוחד בבר מצוה וכו'.

קיין פלאַץ אַ ריר צוטאָן זיך. ביים דאַוונען האָט מען איבערהויפּט באַמערקט דעם קאָנטראַסט וואָס ווערט מיט אַמאָל, ווען דעם רבי'נס קול הערט זיך.

נאָכן דאַוונען, האָבן צענדליגער באָסעס און הונדערטער אויטאָ-מאָבילן געפירט דעם עולם צו דעם רבי'נס ציון אויף דער אַלטער מאָנטעפיאָרע בית החיים, וואָס געפינט זיך אין ווייטן לאָנג איילאַנד.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז אָנגעקומען דער רבי שליט"א צום ציון און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די שווערע טויזענטער בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען פון אידן איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן געבעטן אַז מען זאָל זיי דערמאָנען פאַרן רבי'ן אין טאָג פון זיין יאָרצייט. דאָס האָט גענומען שטונדן לאַנג, און האַרט צו ליכט בענטשן איז דער רבי צוריקגעקומען און האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה.

נאָך אַ קורצער הפסקה האָט מען מקבל שבת געווען. נאָך קבלת שבת האָט דער רבי שליט"א געזאָגט אַ מאמר וועלכער איז דער פּערצענטער אין אַ קייט פון מאמרים וואָס זיינען געבויט אויף דעם מאמר וואָס דער פריערדיגער רבי האָט אַרויסגעגעבן צו דעם טאָג פון זיין הסתלקות.

אין דעם מאמר האָט דער רבי ציטירט פון אַלע רביים, אָנפאַנגענדיג פון בעל שם טוב און דורכגייענדיג אַלע אַכט דורות רביים ביז זיין שווער דער בעל ההילולא, ווי אויך פון אריז"ל, זוהר, גמרא און תנ"ך – דער שליסל געדאַנק פון דעם מאמר איז געווען געבויט אויפן פסוק אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך, אַז פונקט אַזוי ווי אַ איד גלויבט און פילט אַז דער אויבערשטער איז מיט אים, ווען ער שטייגט הימליש הויך, אַזוי דאַרף אַ איד אויף פילן און גלויבן אַז דער אויבערשטער איז מיט אים אויך איך מאָמענטן פוןליידן און אפילו פון גייסטיגער נפילה.

נאָכן מאמר זיינען מאַסן חסידים און תלמידים געבליבן חזר'ן דם מאמר שטונדען לאַנג, און ערשט שפּעט אין דער נאכט זיינען זיי אַ היימגעגאַנגען מאַכן קידוש און עסן סעודת שבת. אויף מאָרגן אין דער פרי זיינען זיי געווען צוריק הערן ווי דער חוזר, אַ יונגער חסיד מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, האָט גע'חזר'ט דעם מאמר וואָרט ביי וואָרט.

צו שחרית האָט מען דעם רבי'ן, ווי אַלעמאָל, אויפגערופן צו מפטיר, און דער גרויסער עולם האָט מיט גרויס יראת הכבוד זיך צוגעהערט צו דער הפטורה.

קוקענדיג אויף דעם טויזנט קעפּיגן עולם כן ירבו, וועלכער איז זיך צוזאַמענגעקומען פון גאַנץ וועלט און הערנדיג ווי דער רבי זאָגט אין דבורה'ס שירה אַז עס איז געווען אַ צייט ווען חדלו ארחות, די וועגן צום משכן אין שילה האָבן געפּוסטעוועט, ביז דבורה איז געקומען און איז געוואָרן אַ מאַמע צום אידישן פאָלק, איז געקומען אויפן געדאַנק אַז אונז האָט זיך אויך געדוכט נאָכן חורבן פון צווייטן וועלט קריג, אַז די וועגן פון דער פאַרגאַנגענהייט, און אויב מען זעט ערגעץ אַן עולם פאָרער איז דאָס נאָר אויף ארחות עקלקלות, קרומע וועגן, וואו מען לויפט נאָך אַ גוד-

טיים, זעט מען אָבער יעצט אַז שופטים מיט מסירות נפש קענען צוריק אויפלעבן די אַלטע וועגן וועלכע פירן טויזענטער אידן צו תורה און מסירות נפש.

נאָכן דאַווענען איז געוון אַ קידוש וואו דער רבי שליט"א האָט גערעדט פאַרשידענע שיחות און אויך אַ מאמר וואו ער האָט ברייט ערקלערט אַ משל מיט אַ קעניג וועלכער האָט באַהאַלטענע אוצרות וואָס די פריערדיגע קעניגע האָבן אָנגעזאַמלט במשך דורות, וועלכע ליגן און פאַרמאַכט, און דאָך ווען עס קומט אַ מלחמה ערוועקט זיך ביי דעם קעניג זיין מדת הנצחון, און מען עפנט אָט די אַלע פאַרזיגלטע אוצרות און מען טיילט זיי פאַנאַנדער צו די אָפיצערן אַז זיי זאָלן מיט דעם באַוואָפענעם די פראָסטע סאָלדאַטן אַז זיי זאָלן גיין קעמפן און ברייגען דעם ענדגילטיקן נצחון.

דער נמשל איז, אַז די העכסטע געטליכע אוצרות וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער תורה און אין אַ אידישער נשמה, ווערן יעצט געעפנט און פאַרטיילט צו יעדער אידן וועלכער מאָביליזירט זיך אים דער געטליכער מלחמה, אויף צו פאַרטרייבן די כחות פון פינסטערניש און צו ברייגען צו דעם ונגלה כבוד ה' אַז אַלע באַשעפענישן זאָלן פילן און זען געטליכקייט.

דער קידוש האָט זיך געענדיגט אַרום אַ שטונדע פאַר דער שקיעה און נאָך מנחה האָט זיך דער עולם געאיילט צו מאַכן קידוש און עסן סעודת שבת.

גלייך נאָך סעודת שבת האָט מען געדאַווענט מעריב און נאָך הבדלה האָט זיך דער עולם גענומען גרייטן צו דעם הויפט פאַרברייגען וועלכער איז פאָרגעקומען מוצאי שבת, און צו וועלכן עס זיינען געקומען נאָך הונדערטער אידן, וועלכע האָבן צוליב סיבות נישט געקענט זיין דעם גאַנצן שבת ביים רביין שליט"א.

האַלב נאָך אַכט פינקטליך האָט דער רבי שליט"א אָנגעפאַנגען דעם פאַרברייגען מיט אַ שמועס, אַז אין אַ געוויסן זין איז אַ מלוה מלכה, וואו מען באַגלייט אַרויס די שבת קעניגין און די נשמה יתירה, וואָס געפינט זיך ביי יעדער אידן שבת מיט אַ סעודה און מיט פרייד ענליך צום געדאַנק פון דער הילולא וואָס מען פראַוועט ביי דעם יאָרצייט פון אַ צדיק וואו מען באַגלייט דעם צדיק – די נשמה יתרה פון דעם דור – צו זיין אַרויפגיין אין אַ נאָך העכערן עולם.

אָבער פון דער אַנדער זייט זיינען זיי ניט גלייך, ווייל נאָך דער מלוה מלכה גייט דאָך טאַקע די שבת קעניגין און די נשמה יתירה אַוועק, אָבער ביי דער נשמה פון אַ צדיק זאָגט ער דאָך אין זוהר אַז אויך נאָך דער הסתלקות געפינט זיך דער צדיק אויף דער וועלט נאָך מער ווי ביים לעבן.

אין דעם פאַרברייגען וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער זעקס שעה, האָט דער רבי שליט"א צווישן אַנדערע ענינים אַרויסגעבראַכט די נייע לאַגע וואָס עקזיסטירט אין מצב פון כלל ישראל, און די פליכטן וואָס דאָס לייגט אַרויף אויך די אידן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

אויב פאַר דעם וועלט קריג זיינען געווען אידן אין אַנדערע לענדער וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט תורה און עבודה, און אַמעריקאַנער אידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף צדקה און גמילות חסדים, איז היינט די לאַגע אַ געענדערטע. ליידער עקזיסטירן ניט מער פילע פון די ישובים וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט תורה און עבודה און אופן אַמעריקאַנער אידענטום ליגט די פליכט צו אויפהאַלטן צו דער זעלבער צייט אַלע דריי עמודים, דאָס הייסט אַליין לערנען תורה, אַליין דאַווענען און צו דער זעלבער צייט אָנהאַלטן דעם עמוד פון צדקה און גמילות חסדים אויף דער פריערדיגער שטופע און נאָך מעהר, און דאָס וועט ממילא אויך ווירקן אויף די אידן אין ארץ ישראל און אין אַנדערע מדינות, וועלכע קוקן אין אַ געוויסן זין אַרויף צום גרעסערן און רייכערן אַמעריקאַנער אידענטום אַז זיי זאָלן זיך אויך שטאַרקן אויף די אַלע געביטן.

דער רבי שליט"א האָט זיך אויך בייביידע פאַרברייינגענס שאַרף אויסגעדריקט קעגן דער וואַקנאָראַליע פון לוקסוס, וועלכע פאַרשפרייט זיך זייער, ספּעציעל, צווישן די ניי געקומענע.

ער איז שאַרף אַרויסגעקומען קעגן דעם פאַרשווענדן טויזענטער אויף מותרות און זאַכן וואָס מייסטענט טוט מען עס נאָר צוליב נאָכיאָגען "די גאַס", די אַזוי גערופענע "לייטען זאָגן", און נאָכטאָן די גוים, אויסגאַבן וועלכע טרייבן פאַמיליעס צו אַ מצב פון פאַרשולדיגן זיך אַריבערן קאָפּ, און ברייינגען צו דעם אַז די מענער און פאָטערס פון די משפחות זאָלן ניט האָבן קיין צייט און קיין געדולד אויף לערנען און דאַווענען, זאָלן אָנהייבן טראַכטן וועגן פאַרקלענערן די צדקה באַשטייערונגען א.ז.וו.

מיט אַ ספּציעלער ברכה פאַר די אידן הינטער דעם אַייזענעם פאָרהאַנג האָט זיך דער פאַרבריינגען געענדיקט.

# יום ההילולא של כ"ק האדמו"ר מליובאוויטש זצ"ל

[ועש"ק יו"ד שבט, וש"פ בשלח, י"א שבט, ה'תשכ"ד – תרגום חפשי]

בארצות הברית ישנה אופנה מקובלת, שכל הועידות או האסיפות של ארגונים או מפלגות שונות מתכנסות בימי סוף השבוע (הנקרא "וויק-ענד" בלשון המדינה) באתרי נופש או במלונות רחבי ידים, לשם מגיעים המוזמנים בעיקר בכדי לפוש ולנוח, להנות מהזמן החופשי (א גוד טיים), ובדרך אגב מתכוונים גם להשתתף באסיפה או במושבי הועידה. הנושאים החשובים עולים על השולחן בעת הארוחות המרכזיות, שם ניתן להבטיח נוכחות מלאה של המשתתפים, ובהזדמנות זו מכבדים את ראשי המדברים. הנואמים האחרים מוכרחים להסתפק בקהל שומעים קטן בהרבה, והנחמה היחידה שלהם היא שהקוראים של העיתונים שם יתפרסמו הדיווחים על אותה ועידה, לא ידעו עד כמה היה קשה לקושש את אותם מעטים שהיו מוכנים להאזין לנאומיהם.

אולם כאן אנו רוצים לדווח לכם על "וויק-ענד" מסוג שונה לגמרי. י' שבט, הוא יום ההילולא של כ"ק רבי יוסף יצחק שניאורסאהן זצ"ל האדמו"ר הקודם מליובאוויטש, חל השנה ביום שישי. אלפי חסידים במקומות מושבותיהם ברחבי תבל, הקדישו את כל סוף השבוע הזה לתורה, תפילה והתעוררות.

סביב המרכז העולמי של תנועת ליובאוויטש, השוכן בבית מספר 770 על שדרת איסטרן פארקווי, ממנו מנהל הרבי הנוכחי של ליובאוויטש את הפעילות של חב"ד בכל רחבי תבל, הורגשה תכונה כבר ביום חמישי בבוקר, כאשר מאות חסידים החלו להגיע מערים וממדינות שונות, בטיסות ברכבות או באוטובוסים. בלטו ביניהם האוטובוסים המיוחדים שנשכרו על מנת להביא את הקבוצות הגדולות של אברכים ובחורי ישיבה מהערים המרוחקות מונטריאול ודטרויט.

זמן רב קודם תפלת ערבית כבר היה היכל בית המדרש מלא עד אפס מקום, כאשר כולם מנסים להתמקם בזווית טובה יותר על מנת שיוכלו לצפות ולהאזין בעת שהרבי יעבור כחזן לפני העמוד ויתפלל ערבית.

תוך כדי האזנה לקולו השקט של הרבי שליט"א המתנגן במין פשטות מיוחדת, ובעוד הנך מביט סביב ורואה את קהל האלפים העומד בצפיפות, עולה במחשבה אותה שיחה ידועה של בעל ההילולא, אודות סעודת היארצייט של המגיד ממעזריטש בה נטלו חלק כ"ק אדמו"ר הזקן יחד עם חבריו תלמידי הרב המגיד.

הרבי הקודם כותב שם באותה שיחה: "אצל כל אחד מהחסידים [התלמידים] שישבו באותה שעה בבית הכנסת, היה נהיר כי באותה שעה ממש יושב הרבי, הרב המגיד, בהיכלו בגן עדן ומציין את יום ההילולא. כן היה ברור אצלם שהבעל שם טוב, האר"י הקדוש, רבי שמעון בר יוחאי, וכל

הצדיקים – הגאונים – תנאים ואמוראים, משה רבינו, דוד המלך והאבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, מאזינים לדברי התורה שאומר הרב המגיד".

לאחר תפלת ערבית חזר כ"ק אדמו"ר שליט"א לחדרו, ואי' הבחורים הצעירים נעמד אצל השולחן והחל לחזור, בעל פה, את המאמר שבעל ההילולא הוציא לאור ימים ספורים קודם ההסתלקות, על מנת שילמדו אותו בש"ק של יום ההסתלקות.

בראשית הדברים הוא חזר על דברי המדרש, שהשכינה יתי' שרתה בתחילה כאן בארץ התחתונה, אולם לאחר שבעה דורות בהם הרשיעו הברואים מעשיהם, הם כביכול סילקו את השכינה מהארץ הגשמית עד לרקיע השביעי. אחר כך באו שבעה דורות של צדיקים, החל מאברהם אבינו שבכוח עבודתו הוריד את השכינה מהרקיע השביעי לרקיע השישי, וכן הלאה, עד למשה רבינו שהוא השביעי, שגרם על ידי עבודתו להמשיך שוב את השכינה למטה לארץ, הוא הוביל לכך שהשכינה ירדה למטה במעמד הר סיני והשי"ת נתן לנו את התורה.

אותו בחור שחזר בטוב טעם את דברי החסידות בעל פה, חזר זה מכבר ממסע סביב כדור הארץ. הוא ביקר בקהילות יהודיות נידחות במזרח הרחוק, והביא לשם את המסר ש"לית אתר פנוי מיניה" – אין מקום אחד בעולם היכן שהשכינה לא נמצאת.

למעלה, בהיכל בית המדרש הקטן יותר, ישבו זקני החסידים והעלו זכרונות מהשנים בהם בילו במחיצתו של בעל ההילולא. א' מהם, חסיד מבוגר מאוד, סיפר כיצד לפני שישים וחמש שנה אמר בעל ההילולא בפעם הראשונה מאמר חסידות[1], ותיאר את השמחה העצומה שזה חולל בקרב קהל החסידים של אביו הרבי הרש"ב. אחרים סיפרו על שנות העבודה במסירות נפש ברוסיה, או על נס ההצלה של הרבי ממלתעות הנאצים בעיצומה של מלחמת העולם השניה כאשר הוברח מפולין הכבושה, וכן על עבודתו בהרבצת התורה תיכף לביאתו צליחה לארצות הברית.

הבחורים הצעירים שברובם אפילו לא זכו להכיר את בעל ההילולא, עמדו מסביב ובלעו בשקיקה כל מילה שיצאה מפי זקני החסידים. סביב שולחנות אחרים ברחבי בית המדרש ישבו חסידים רבים ותלמידי ישיבה ולמדו את פרקי המשניות של אותיות השם, שמו הק' של בעל ההילולא, וכן הלאה.

למחרת בבוקר, הגיע קהל גדול אף יותר לתפילת שחרית, והאתגר הגדול היה איך להתמודד עם לבישת הטלית והתפילין בצפיפות נוראה כזו, כשאין מקום לזוז. בעת התפילה ניתן לשים לב לשינוי הפתאומי שחל בעת שקולו הק' של הרבי נשמע, כאשר בניגוד להמולה השוררת משתרר שקט מוחלט.

---

1) להוסיף ביאור, שהרי **כו"כ** פעמים אמר ד"ת, והרבה שנים לפני תרנ"ט – ובמיוחד בבר מצוה וכו'.

לאחר התפילה, עמדו הכן מחוץ לבית המדרש עשרות אוטובוסים ומאות מכוניות פרטיות שהובילו את הציבור הענק בלעה"ר לכיוון בית החיים הישן ע"ש מונטיפיורי, הממוקם הרחק בלונג איילנד, שם נמצא ציונו הק' של הרבי.

זמן קצר לאחר הגעת ההמונים הגיע גם כ"ק אדמו"ר שליט"א אל הציון הק', כשהוא מביא אתו עשרות אלפי מכתבים שהגיעו מכל קצווי תבל, בהם מבקשים יהודים מהרבי שיזכיר אותם לברכה על ציונו של בעל ההילולא ביום היארצייט. המעמד ארך שעות ארוכות, ורק בסמיכות לזמן הדלקת נרות חזר הרבי מהאהל ומיד נעמדו לתפילת מנחה.

לאחר הפסקה קצרה, המשיכו עם קבלת שבת. לאחר סיום תפילת קבלת שבת, אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א מאמר חסידות, מאמר זה הוא בעצם המשך בסדרה של 14 מאמרים המיוסדים על אותו מאמר חסידות שמסר בעל ההילולא ללמדו ביום ההסתלקות.

תוך כדי אמירת המאמר, ציטט הרבי מכל רבותינו נשיאינו, החל מכ"ק הבעש"ט עבור בכל שמונה הדורות שלאחריו עד לחותנו בעל ההילולא, כמו כן ציטט הרבי רבות מהאריז"ל, זוהר, מהתלמוד ומהתנ"ך.

הרעיון המרכזי של מאמר זה היה בנוי סביב הפסוק 'אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך', והרבי ביאר שבדיוק כשם שיהודי מאמין ומרגיש שהשי"ת נמצא עמו בזמן שהוא 'מרחף בשמים' היינו כאשר מעמדו ומצבו טוב ביותר, כך על היהודי להרגיש ולהאמין שהשי"ת נמצא אתו, באותה מידה ממש, גם בזמן של סבל ומצוקה, ואפילו ח"ו כאשר הוא חווה נפילה רוחנית לשאול.

